אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



תרומה תשפ"ד • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 351

## אמרות שמשון

### דורך געבן צדקה קען מען אויך זוכה זיין צו השראת השכינה

**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ** (כה, ב), מען קען ערקלערן א שיינע פשט אין די שייכות פון ענדע פרשת משפטים צו אנפאנג פרשת תרומה.

**פרשת** משפטים ענדיגט זיך מיט די ווערטער (כד, יח) **וַיְהִי מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה**, משה רבינו איז געווען אין הימל פאר פערציג טעג און נעכט. דורכדעם האט ער זוכה געווען אז זיין פנים האט געלאכטן מיט א געטליכע ליכטיגקייט (לקמן שמות לד, כט). דערפון לערנט מען ארויס אז יעדע איד וואס לערנט תורה אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה אז די שכינה זאל רוען אויף אים.

**וועט** מען פרעגן, דאס איז מיט עמיצער וואס קען לערנען, אזא איינער קען זוכה זיין צו השראת השכינה דורך לימוד התורה. אבער דער וואס קען נישט לערנען ווי אזוי וועט ער זוכה צו השראת השכינה?

**דעריבער** פאנגט אן די תורה פרשת תרומה **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** דורכדעם וואס מען וועט שטיצן און געבן געלט פארן בית המקדש וועט מען אויך זוכה זיין צו השראת השכינה, אזוי ווי דער פסוק איז ווייטער ממשיך (שם, ח) **וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם**.

**מען** קען דאס מרמז זיין אינעם פסוק, דער אויבערשטער זאגט **וְיִקְחוּ לִי** מען קען מיר נעמען און באקומען השראת השכינה, פונקט אזוי ווי **תְּרוּמָ"ה** וואס דאס איז די אותיות **תורה מ'**, די פערציג טעג וואס משה רבינו האט געלערנט תורה אין הימל און דורכדעם זוכה געווען צו השראת השכינה, דאס זעלבע קען א איד זוכה זיין דורכן געבן געלט פארן באשעפער'ס וועגן. ('זרע שמשון' אות א')

### נישט אפלאזן פאר קיין רגע

**וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ** (כה, ב), דער מדרש אויפן ארט (שמות רבה לג, א) ברענגט דער פסוק (משלי ד, ב) **כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ**. און פירט אויס 'אל תעזבו את המקח שנתתי לכם' דער אויבערשטער זאגט מען זאל נישט אפלאזן די גוטע מקח וואס דאס איז די הייליגע תורה. לכאורה פארוואס דארף מען אנזאגן מען זאל נישט אפלאזן די תורה, ווער וויל עס דען אפלאזן?

**מען** קען ערקלערן אז דער מדרש קומט אונז זאגן, כדי צו זוכה זיין צו די 'לקח טוב' איז נישט גענוג אז מען לערנט און מ'טוט מצות בלויז ווען עס קומט אונטער, נאר מען טאר עס נישט אפלאזן פאר קיין רגע נישט.

**ווייל** עס איז נישט גלייך די שכר פון דער וואס טוט מצות נאר ווען עס קומט אים אונטער, צו דער וואס לויפט נאך מצות און פרובירט ארייןצוכאפן ווי מער מצות ער קען. אזוי אויך דער וואס לערנט תורה פלייסיג און איז נישט מבטל קיין צייט, וועט צוקומען צו אסאך גרעסערע השגות אין תורה ווי דער וואס לערנט נישט אזוי פלייסיג.

**דאס** זאגט דער מדרש, מען זאל נישט אפלאזן און נישט ווערן אפגעשוואכט קיין רגע פון תורה און מצות, אזוי וועט מען זוכה זיין צו צוקומען צו די 'לקח טוב' און משיג די גרויסע גוט'סקייט פון תורה און מצות. ('זרע שמשון' אות ג')

### צוערשט זאל מען ברענגן און נאר נאכדעם מנדב זיין

**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי** (כה, ב), עס ווערט געברענגט אין חז"ל (נדרים ט: ועוד) בזמן שבית המקדש היה קיים האבן די חסידים הראשונים זיך געפירט, ווען זיי האבן געברענגט קרבנות אין בית המקדש האבן זיי נאר מנדב געווען זייער קרבן שוין זייענדיג אינעם עזרה פונעם בית המקדש, כדי מען זאל נישט צוקומען צו מועיל זיין אינעם קרבן דורכאויס די וועג צום ביהמ"ק, (אויב וועט מען עס מקדיש זיין אינדרויסן פונעם בית המקדש קען מען צוקומען זיך צו באנוצן מיטן קרבן אויפן וועג צום ביהמ"ק, וואס דאס איז אן איסור פון מועיל בהקדש, אבער איידער מען האט עס מקדיש געווען איז עס נאר חולין און מען מעג זיך באנוצן דערמיט).

**מיט** דעם קען מען ערקלערן פארוואס שטייט אין פסוק א לשון 'ויקחו', עס וואלט ענדערש געדארפט שטיין 'ויתנו לי תרומה'. נאר מען קען פארענטפערן, דער פסוק זאגט דער לשון '**וְיִקְחוּ**', צו מרמז זיין אז צוערשט זאל מען בלויז ברענגן די נדבה אבער נאכנישט מנדב זיין, איינמאל מען איז שוין אין די עזרה אינעם בית המקדש '**לִי תְּרוּמָה**', דעמאלטס זאל מען דאס מקדיש זיין און געבן פארן אויבערשטן. ('זרע שמשון' אות ב')




לומדים
זרע שמשון
על מגילת אסתר



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!

02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לרפואה שלימה | לרפואה שלימה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דניאל אודי בן דג'נה מלכה<br>שיזכה לשפע ברכה והצלחה בכל העניינים ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | ישעיה בן צלחה<br>שיצא זכאי בלי שום נזק גוף ובלי נזק ממון | דינה רחל בת זיסל שרה<br>לפרנסה טובה עושר וכבוד | מאיר בן פרידא<br>להצלחה וברכה בעסקיו ובעסקי החסד | רפאל דוד בן נעמי<br>שיקבל את רשיון העבודה ויזכה להצלחה גדולה בפרנסה ובריאות איתנה | רבקה בת שיינדל<br>לרפואה שלימה ובריאות איתנה אורך ימים ושנים טובות ומתוקות | ניסים בן שרה<br>לרפואה שלימה ובריאות איתנה אורך ימים ושנים טובות ומתוקות |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

**אין קורצן פון פריער: מרת ח. י. שילדערט**
**איר שווערע איבערלעבענישן און פיין, נאכדעם וואס איר מאן**
**איז ל"ע נפטר געווארן יונגערהייט, זיי מוטשעט זיך אליינ'ס מיט די יתומים'לעך,**
**און האט נישט פון וואו ארייצוברענגען פרנסה אין שטוב.**

## א אומגעראכטענע שידוך (ב')

**מרת** ח. י. שתחי' שרייבט ווייטער אין איר בריוו:

**מיין** ברודער הי"ו האט מיר כסדר פראבירט ארויסצוהעלפן אין מיין מצב, און פלעגט מיר איינליידענען פון צייט צו צייט פאר שבתים אזוי האב איך זיך געקענט אביסל אויסלופטערן, מען פלעגט דארט אכטונג געבן אויף מיינע קינדער אז איך זאל קענען האבן עטוואס רואיגקייט צו קענען שעפן פרישע כוחות אויף ווייטער.

**דעמאלטס** פלעג איך אויך אויסנוצן די געלעגנהייט צו ארויסגיין דאווענען אין שול, א זאך וואס איך האב זיך נישט געקענט ערלויבן נארמאל ווען איך בין געווען אינדערהיים, זייענדיג פארנומען מיט די קינדער א גאנצע צייט.

**איין** וואך ווען איך בין געפארן צו מיין ברודער פאר שבת, און ווי מיין שטייגער בין איך געגאנגען אין שול, אנקומענדיג אביסל פרי אין שול האב איך געזען אויפן טיש נעבן מיר א ספר, וואס אויפן דעקל שטייט געשריבן מיט גרויסע אותיות **'אשת חיל'**, זייענדיג אינטערעסירט צו זען וואס שטייט דארט, האב איך דאס געעפענט און געזען אז דאס איז דער קאפיטל 'אשת חיל' מיט א ביאור פונעם 'זרע שמשון' אין פרשת חיי שרה, עס געווען געשריבן צוזאמען מיט א שיינע ביאור וואס האט מסביר געווען יעדע שטיקל אויף א לייכטע און גרינגע וועג.

**זעענדיג** אנפאנג ספר ווי עס ווערט אראפגעברענגט די ווערטער פונעם מחבר אין די הקדמה וואס ער זאגט צו פאר די וואס וועלן לערנען זיין ספר: **'ועיניכם תראינה בתים מלאים כל טוב'** האב איך געשפירט ווי דאס איז ממש פאר מיר, ב"ה איך האב קינדער, ב"ה איך בין געזונט, אבער איך דארף א 'בית מלא טוב,' איך דארף געהאלפן ווערן מיט א פאסיגע שידוך, צו קענען ווידעראמאל אויפבויען מיין שטוב און דאס באפעסטיגן מיט פרישע כוחות.

**גלייך** נאך שבת בין איך געגאנגען אין ספרים געשעפט און געקויפט דעם ספר, און דאס אנגעהויבן צו לערנען, ביז איך האב געענדיגט די גאנצע ספר, און איך האב געהאפט און מתפלל געווען איך זאל בקרוב זוכה זיין צו אויפגעראכטן ווערן מיט א ישועה.

**געצייליטע** טעג שפעטער האט מען מיר אנגעטראגן א שידוך מיט עמיצער וואס דער פאקט אז איך האב א גרויסע משפחה מיט קינדער איז ביי אים געווען גאר א מעלה, ער האט געשפירט אז דאס איז זיין תכלית אויפן וועלט צו אויפהאדעווען קינדער וואס האבן נישט קיין טאטע, און איז געווען גרייט דאס צו טון מיט די גאנצע געטריישאפט.

**אין** בלויז א קורצע צייט שפעטער - היינט ביינאכט - איז דער שידוך געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

**מרת ח. י. תחי' פארענדיגט אירע ווערטער און שרייבט:**

**איך** זיצט יעצט שפעט ביינאכט, ווען טרערן פליסן פון מיינע אויגן פון גרויס התרגשות וואס איז שווער ארויסצוברענגען אויפן פאפיר, איך בין זיכער אז אסאך האבן שוין געהערט איבער ישועות וואס מענטשן זענען געהאלפן געווארן בזכות דער גרויסער צדיק מיט זיין הבטחה, און פאר ענק - האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון - איז דאס בכלל נישט קיין וואונדער.

**אבער** איך שפיר פאר א פליכט ענק צו שרייבן און מיטטיילן מיין פערזענליכע ערפארונג, ווי איך בין געהאלפן געווארן בזכות דער גרויסער צדיק, און דאס איז מיר געווען ווי א לייכט טורעם אין די צייט וואס אלע האבן שוין געהאט אויפגעגעבן און זיך מייאש געווען, איז דער זכות פונעם גרויסן צדיק מיר בייגעשטאנען צו געהאלפן ווערן, זי"ע.

**די טויערן פון ישועות זענען אפן**

**אויב ווילט איר מען זאל מתפלל זיין פאר אייך, פאר סיי וואספארא ישועה איר נויטיגט זיך, נאכן גרויסע שיעור ברבים אינעם הייליגן ספר זרע שמשון**

**וואס קומט פאר יעדן ליל שישי ברוב עם צוזאמען מיט אמירת תהילים אין ירושלים תובב"א**

קענט איר זיך פארבינדן
**347-496-5657**
אדער **05271-66450**

**דער הייליגער צדיק וועט אייך נישט שולדיג בלייבן**


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באר"ה: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון
זרע שמשון ע"ר 580624120